בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' פ' בחקותי | י"ד אייר | תשע"א | פסחים: נ"ו:

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכט בשעת דער רבי שליט"א האט געוויילט אין וויליאמסבורג צו געזעגענען אנשי שלומינו, זענען די ילדי הת"ת – כיתות ז' און ח' וועלכע האבן אריינגעברענגט גרעסערע סכומים לטובת מוסדותינו הק' בימי הפורים העעל"ט, אריין אל הקודש פנימה מקבל צו זיין ברכת קדשו.

~•~

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה לצעירים חלק א' אין קרית יואל - בהנהלת הרה"ג ר' וואלף לאנדא שליט"א. ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בן יבדל"ח הרה"ח ר' דוד כהן ז"ל, הב' בן מוה"ר יושע ביקעל הי"ו פון קרית יואל.

פאר'ן דאווענען איז דער רבי שליט"א געגאנגען אין ביהמ"ד אבני צדק אין שכונת עצי תמרים ווי עס איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יואל לייב ווייס הי"ו פון קרית יואל.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' עזריאל יאקאבאוויטש הי"ו איידעם פונעם מנהל הרה"ג ר' וואלף לאנדא שליט"א. און דערנאך איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים מיט די בחורים ווי דער רבי שליט"א האט משמיע געווען דברות קודש פאר די תלמידי הישיבה.

~•~

## עריכת השלחן לרגל פסח שני

ארום 6:00 אזייגער נאכמיטאג האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט מנחה בביתו נאוה קודש און דערנאך איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום שלחן הטהור לרגל פסח שני וועלכער דער רבי שליט"א האט געפראוועט אין אולם עקשטיין אין בנין הת"ת אינאיינעם מיט די בחורי חמד תלמידי ישיבת היכל התורה ד'סאטמאר פון וויליאמסבורג, ווי עס איז פאהרגעקומען א טיש מלא התרוממות הנפש און דערביי האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש.

~•~

## שיעור בעניני עשיית בתים לתפילין אין מבצר הכוללים

היינט נאכמיטאג האבן די חברי הכולל משמרת סתם שע"י מבצר הכוללים ד'קרית יואל מיטגעלעבט א שיינעם שיעור בעניני ותהלוכות עשיית בתים לתפילין מרישא ועד גמירא, וועלכע'ס

איז פאהרגעלערנט געווארן בטו"ד דורך הר"ר מאיר סטאריק שליט"א פון ירושלים עיה"ק וואס איז שוין

❧•❧

יארן לאנג באוויסט אלס מומחא אינעם פעלד פון בתים.

❧•❧

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.